שופטים תשפ"ו
גליון 295

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת

דִי וָואךְ אִין דֶער פַּרְשָׁה אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט וִוי פָאלְגְּנְד, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ." זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַשִׁ"י אוֹיף דֶער פָּסוּק, "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת," זָאלְסְט גֵיין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, "וּתְצַפֶּה לוֹ", אוּן דוּ זָאלְסְט וַוארְטְן אוּן הָאפְן אוֹיף אִים, "וְלֹא תַּחְקֹר אַחֲרֵי הָעֲתִידוֹת", זָאלְסְט נִישְׁט פָּארְשְׁן נָאךְ עֲתִידוֹת וָואס גֵייט קוּמֶען, "אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבֹא עָלֶיךָ", וָואס עֶס זָאל נָאר קוּמֶען אוֹיף דִיר, "קַבֵּל בִּתְמִימוּת" זָאלְסְטוּ עֶס אָנְנֶעמֶען בִּתְמִימוּת, "וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ", וֶועסְטוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין חֵלֶק.

דָאס וָוארְט 'תְּמִימוּת' אִיז טַייטְשׁ 'גַאנְץ'. 'שֶׂה תָּמִים' מֵיינְט אַ גַאנְצֶע שֶׁעפֶּעלֶע. נָאר מִיט תְּמִימוּת קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֵמוּת. מִיט חָכְמוֹת קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֵימוּת, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא אַ פָּסוּק: "אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן קְלוּג, "וּרְחוֹקָה מִמֶּנִּי", וִוי מֶער מֶען אִיז קְלוּג אַלְץ וַוייטֶער אִיז דִי חָכְמָה פוּן מִיר. דֶערִיבֶּער זָאגְט ר' נָתָן, "אֵין שְׁלֵימוּת כִּי אִם מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱמוּנָה בִּתְמִימוּת." וֶוער אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת? דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ גַאנְצֶער אִיד, אַ שָׁלֵם בִּשְׁלֵמוּת.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זַיין תָּמִים - זָאלְסְט זַיין גַאנְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט שְׁלֵימוּת! 'תְּמִימוּת' מֵיינְט 'שְׁלֵמוּת'.

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּמִימוּת. אִין תּוֹרָה ה' אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק - דִי תּוֹרָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַ יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת אוּן וִוי בַּאוואוּסְט פְּלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה צְווִישְׁן עֶרְשְׁטְן אוּן צְוֵוייטְן טָאג. נָאךְ מִנְחָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת אִיז דֶער מִנְהָג צוּ גֵיין זָאגְן תַּשְׁלִיךְ בַּיים טַייךְ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין אַלֶע סְפָרִים, סְ'אִיז דָא אַסַאךְ עִנְיָנִים אִין דֶעם אַז מֶען דַארְף גֵיין תַּשְׁלִיךְ דַוְקָא בַּיים טַייךְ.

אוֹיפְן וֶועג צוּ תַּשְׁלִיךְ הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג דֶעם רֶבִּי'נְס קַאפְּטְן מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַ נֵייעֶם קַאפְּטְן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן תּוֹרָה הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דִי זַאךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן תְּמִימוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם נִישְׁט נָאר בַּיים טוּן מִצְוֹת נָאר אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס סְ'אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם, לְמָשָׁל תַּשְׁלִיךְ אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִלִּין אָדֶער הִיטְן שַׁבָּת, סְ'אִיז אַ מִנְהָג, אַן עִנְיָן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין בְּלָאטֶע צוּ מַאכְן רָצוֹן הַשֵּׁם - יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם הֵייסְט אַ מִצְוָה, דַארְף מֶען זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין בְּלָאטֶעס צוּ טוּן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה אַזוֹי, "צָרִיךְ כָּל אֶחָד דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת. צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה מַעֲשָׂיו יוֹתֵר מֵחָכְמָתוֹ." דִי פַּאקְטִישֶׁע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט דַארְף זַיין מֶער וִוי דָאס קְלוּגְשַׁאפְט - וִויסְנְשַׁאפְט. כִּי לֹא

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

הַמִּדְרָשׁ עִיקָר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה, דֶער עִיקָר אִיז עֲשִׂיָּה, טוּן לְמַעֲשֶׂה. ס'נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן.

ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין, אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן, וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פָּסוּק מִיט דִי רַשִׁ"י אוּן עֶס צוּגֶעקְלֶעפְּט אוֹיף זַיין פֶּענְסְטֶער, כְּדֵי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם פָּסוּק, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלוֹקֶךָ." עֶר הָאט צוּגֶעקְלֶעפְּט דֶעם צֶעטְל צוּזַאמֶען מִיט דִי רַשִׁ"י, צוּ גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין, נָאר לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת אוּן טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט'ן גְרוֹיסְן קִבּוּץ אוּן מַאכְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּנְזֶערֶע אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן טַאקֶע אִין אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְזִיכֶערְט אִין אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים אֲשֶׁר אָהַבְתִּי". דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן אֱלוּל. לָאמִיר בֶּעטְן בַּיים לִיבְּן פָּאטֶער אִין הִימְל אַז דֶער קִבּוּץ אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל זַיין כְּתִקּוּנוֹ אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד.

# איין מעשה'לע



לְכָבוֹד דִי מַעֲרֶכֶת פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט,

קוֹדֶם כָּל, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר הֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט. ס'אִיז אַן עֹנֶג שַׁבָּת פַאר דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּב. ס'הֵייסְט אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִיז פַאר קִינְדֶער, אָבֶּער אוֹיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער אוּן אֲפִילוּ מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע לֵיינֶען דָאס דוּרְךְ פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל. דֶער זְכוּת זָאל אַייךְ בַּיישְׁטֵיין.

אַצִינְד וֵויל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט: מַיין טַאטֶע אִיז אַן עַסְקָן. עֶר הָאט קְשָׁרִים מִיט אַנְדֶערֶע עַסְקָנִים אוּן חוּץ לָאָרֶץ. אֵיינֶע פוּן זַיינֶע נָאנְטֶע יְדִידִים אִיז אַ אִיד מִיט'ן נָאמֶען, ר' מֹשֶׁה. אֵיין טָאג הָאט אִים ר' מֹשֶׁה גֶעקְלִינְגֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז יֶעצְט אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַ צַייט וֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן פַאר אַ בַּאגֶעגֶענִישׁ.

ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט פַאר מַיין טַאטֶע אַז עֶר פָּארְט קֵיין הַר-הַמְּנוּחוֹת אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס וֶועט מֶען זֶען וואו זִיךְ צוּ טְרֶעפְן.

"אָה, אִיר פָּארְט צוּ הַר-הַמְּנוּחוֹת?" הָאט מַיין טַאטֶע אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט. "וַוייל אוֹיךְ אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, אִיז וֶועלְן מִיר שְׁטֵיין בְּקֶשֶׁר וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט."

"אָקֶעי," הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעפִירְט זַיין פָאטֶער צוּ זַיין בַּאבֶּע'ס קֶבֶר וֶועמֶענְ'ס יָארְצַייט ס'אִיז גֶעוֶוען יֶענֶעם טָאג.

מַיין טַאטֶע קוּמְט אָן צוּם קֶבֶר פוּן אוּנְזֶער עֶלְטֶער-בַּאבֶּע אוּן עֶר בְּלַייבְּט שְׁטֵיין דָארְט גֶעפְּלֶעפְּט, וֶועמֶען טְרֶעפְט עֶר דָארְט? נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע וִוי ר' מֹשֶׁה אַלֵיין!

וָואס טוּסְטוּ דָא?!" הָאט אִים מַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט.

"אוּן וָואס טוּסְטוּ דָא?!"

וָואס הֵייסְט, אִיךְ בִּין אַן אֵיינִיקְל.

"אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ!"

מַיין טַאטֶע הַאנְדְלְט שׁוֹין מִיט ר' מֹשֶׁה פַאר אַסַאךְ יָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זֵיי זֶענֶען קְרוֹבִים! קוּקְט אוֹיס וִוי דֶער זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע הָאבְּן צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט דִי צְוֵויי אֵיינִיקְלֶעךְ בַּיי זֵייעֶר קֶבֶר זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען פוּן דֶער נָאנְט...




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן מיט זיין חבר, רבי נפתלי קומען אפט צום רבי'ן קיין ברסלב. זיי האבן מער נישט קיין מניעות פון זייער משפחה, אבער אצינד איז זיי אונטערגעקומען א נייע מניעה: יעדעס מאל זיי קומען צום רבי'ן, ווייזט דער רבי ארויס אומצופרידנקייט, אבער זיי זענען זיך מתגבר אויף די מניעה און זיי קומען ווייטער צום רבי'ן. רבי נתן טרעפט א תירוץ צו קומען צו בינדן דעם רבינ'ס ספר. דער רבי לאזט וויסן רבי נתן איבער דעם ענין פון תיקון הכללי.*

אצינד ליינט ווייטער:

טייערע קינדער, מיר ווילן דא קלאר מאכן אן ענין: פאריגע וואך, אין דעם באשרייבונג האט אויסגעקוקט ווי רבי נתן האט געגעבן צו איינבינדן דעם רבינ'ס תורות ארויסצוגעבן לאור. למעשה איז עס געווען א קונטרס.

רבי נתן האט געהאט ביי זיך פארשריבן די תורות אן קיין סדר, יענעם יאר האט דער רבי געבעטן רבי נתן איבערצושרייבן די תורות אין א שיינעם לשון און אין א סדר. רבי נתן האט דאס געשריבן מיט גוטע טינט און אויף שטארקע פאפיר. ער האט זייער געהיטן די בלעטער פון פרעמדע און אומגעוואונטשענע אויגן, ווי דער רבי האט אים באפוילן (ווי שוין געשריבן אין פריערדיגע קאפיטלעך). נאך שבועות, ווען רבי נתן איז געקומען קיין ברסלב צום בינדעריי, איז עס געווען נאר פאר דעם קונטרס.

דאס איז געווען אין יאר תקס"ה. למעשה איז דער ספר ארויס לאור ערשט דריי יאר שפעטער, אין יאר תקס"ח (ווי מיר וועלן בעזר השם ברענגען אין דעם באשרייבונג.)

די ארבעט פון די בינדעריי האט זיך אנגעהויבן פרייטאג אינדערפרי און האט זיך פארשלעפט א גאנצע וואך, לענגער ווי רבי נתן האט זיך גערעכנט. אמאליגע צייטן האט מען נישט געארבעט מיט מאשינערייען, יעדע בלאט האט געדארפט פארזיכטיג געניית ווערן, אלע בלעטער אין א סדר ווי עס באלאנגט, עס האט זיך געפאדערט א פארזיכטיגע אויג. רבי נתן איז געשטאנען על המשמר צו מאכן זיכער אז די ארבעט ווערט געטון ריכטיג, אזוי אויך האט מען זייער געדארפט היטן די הייליגע בלעטער פון פרעמדע אויגן.

ענדליך, דאנערשטאג איז די ארבעט פארטיג געווארן!

דורכאויס דעם גאנצן וואך ווען רבי נתן האט זיך געפונען אין ברסלב, איז ער יעדן טאג אריין צום רבי'ן און געהאט די זכי' צו אפהאלטן לאנגע שמועסן מיט אים. אלעס וואס דער רבי האט דאן גערעדט, איז געווען אים צו מחזק זיין צו שטענדיג זיין פריילך.

ביי איין שמועס האט דער רבי אים געזאגט: "דער

וועג ווי אזוי צו באהאנדלען אפילו איינער וואס ליגט לא־עלינו קראנק אין בעט, איז אים צו מחזק זיין און אים זאגן אז ער זאל זיך מאכן פרישער און נישט ווערן מיואש, ווייל א גוטע געמיט איז דער שליסל צו ערהוילונג." דער רבי האט אים ווייטער געזאגט, "דו, מער ווי סיי ווער, דארפסט באמת זיין אויסנאם פריילין!" און דער רבי האט אויסגערופן, "דו זאלסט דיך לאזן אראפשלעפן?! אסאך זאכן וועלן זיך נאך טון! ברודער האלט דיך! דער באשעפער איז מיט דיר, האב נישט מורא!

אין דער זעלבער צייט האט דער רבי דערציילט פאר רבי נתן פון זיין אייגענעם צער און יסורים וואס ער ליידט זיך נעבעך צאם, איבערהויפט האט אים ווי געטון איבער די קרענק פון זיין אייניקל וועלכע האט דאן געליטן פון מאזלען. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז ער שפירט יעדעס ביסל וויטאג פון דאס קינד אין זיין אייגן הארץ, און ער וואלט גערן געליטן פון די קרענק אנשטאט דאס קינד.

דער רבי האט ווייטער געזאגט אז זיינע יסורים זענען פון דעם באשעפער'ס באהאלטענע וועגן ווי אזוי ער פירט זיך מיט מענטשן; ווי ער האט דאס דערמאנט אין זיין תורה דעם פארגאנגענעם שבועות. ער האט נאכדערציילט די מעשה וואס ווערט געברענגט פון אריז"ל.

זיין גרויסער תלמיד רבי חיים וויטאל איז אמאל צוגעשטאנען צו אים אז ער זאל אים אנטפלעקן א געוויסער סוד אין תורת הקבלה, אבער דער אר"י האט נישט געוואלט, זאגנדיג אז עס וועט זיין א גרויסע סכנה צו מגלה זיין. ער האט געבעטן רבי חיים וויטאל ער זאל אים נישט מוטשען דערויף, ווייל דאן וועט ער זיין געצווינגען דערצו ווייל ווי דער ארי הק' האט געזאגט אויף זיך, איז ער געקומען אויף דער וועלט צו מתקן זיין רבי חיים וויטאל'ס נשמה דורך אים מגלה זיין סודות התורה. רבי חיים וויטאל האט אבער נישט נאכגעלאזט ביז דער אר"י האט אים געמוזט דאס אנטפלעקן. באלד דערנאך איז דער זון פונעם אר"י הק' קראנק געווארן און דאן נסתלק געווארן.

לכאורה איז שוער צו פארשטיין, דער אר"י איז דאך געווען געצווינגען צו מגלה זיין דעם סוד, פארוואס איז ער באשטראפט געווארן? נאר דאס זענען פון באשעפער'ס פארהוילענע וועגן ווי אזוי ער פירט זיין וועלט וואס מען קען נישט פארשטיין מיט די מענטשליכע שכל.

דער רבי האט אויסגעפירט אז דאס זעלבע איז מיט אים, אז אלעס וואס ער ליידט זיך צאם מיט זיינע קינדער איז צוליב דעם וואס ער איז עוסק מיט זיינע תלמידים און פרובירט זיי צו ברענגען נענטער צום אויבערשטן. זיינע כוונות זענען ריינע און עס איז זיכער דער רצון אז ער זאל דאס טון, אבער פונדעסטוועגן ליידט ער דערפאר צער גידול בנים.

דער רבי האט ליידער פארלוירן עטליכע קינדער און פארשידענע מחלות האבן באטראפן זיינע קינדער און אייניקלעך השם ירחם. אזוי ווי דער יעצטיגער פאל מיט זיין אייניקל און נאך אנדערע צרות און יסורים וואס דער רבי האט אלץ מיטגעמאכט.

ביי אן אנדערע געלעגנהייט האט דער רבי זיך אנגערופן, "אז אזוי קומט עס, אז מען זאל נישט פארשטיין דעם רבונו של עולם'ס פארבארגענע וועגן, ווייל אויב דער מענטש וואלט אלעס פארשטאנען, וואלט אויסגעקומען אז דעם אויבערשטנ'ס פארשטאנד איז חלילה אויפ'ן זעלבן שטאפל כביאוכל פון דעם מענטש, און דאס איז דאך געוויס נישט אזוי...

בסייעתא דשמיא - ערב ר"ה תשפ"ב

## "ראש השנה שלי עולה על הכל."

רק תחזיקו עצמכם ביחד

נשות ברסלב

בהכוונת: הרב ר' שמעון אלי' ברוין שליט"א

# הודעה משמחת!

## בעז"ה יתקיים כנס מיוחד לכלל נשות ברסלב - בשפת האידיש כהכנה לראש השנה של רבינו.

| | | |
|---|---|---|
| אולמי אוהל פייגא<br>האדמו"ר מבלוזא 6 רמה ב' | יום רביעי ו' אלול<br>בשעה 7.50 בערב | 40 ש"ח דמי כניסה<br>לכיסוי חלק מההוצאות |

אייערע ווייבער זאלט איר מאכן חסידישעס.

לרישום להסעה מירושלים
בעלות 30 ש"ח:
054-8408-337

# די אֲבֵידוֹת לִיגְן בּיים צַדִיק

שול אין לעניגראד



מַר וָואלְפְסון אַ בּאַוואוּסְטֶער עוֹשֶׁר אין חַבַּ"ד, הָאט געוואוינְט אין שְׁטָאט לֶעניגְראַד. ווען זַיין בָּחוּר איז אויפְגֶעוואַקְסְן הָאט עֶר אים גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אין אַ יְשִׁיבָה אין שְׁטָאט קִיֶעוו. עֶס איז אַריבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט און דֶער עוֹשֶׁר הָאט זיך פַארְלָאזְט אַז זַיין זוּן לֶערְנְט פְלֵייסִיג אין יְשִׁיבָה, אָבֶּער לֵיידֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען גְרִיסְן אַז עֶר איז שׁוין לַאנְג נִישְׁט אין יְשִׁיבָה און נִישְׁט נָאר וָואס עֶר איז נִישְׁט בֵּין כּוֹתְלֵי בֵּית הַמִדְרָשׁ איז עֶר גָאר גֶעוָוארְן אַ גַנָב רַחֲמָנָא לִיצְלָן!

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אין דֶער זַייט און זיך אַרויסְגֶעלָאזְט קַיין קִיֶעוו, עֶר מוּז זיך זָאפָּארְט טְרֶעפְן מִיט זַיין בָּחוּר. אַז דֶער בָּחוּר'ל הָאט לֵיידֶער פַארלוירְן דֶעם גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אין יְשִׁיבָה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶר זִיכֶער פַארְגֶעסְן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס קוּמְט פַאר תּוֹרָה, וֶוען הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין טַאטֶע קוּמְט אים בַּאזוּכְן הָאט עֶר זיך בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם טַאטְן. דֶער טַאטֶע דְרֵייט זיך אַרוּם אין שְׁטָאט אין אַלֶע עֶרְטֶער אין קְלֵיינֶע און אין דִי גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן עֶר זוּכְט אים אַרוּם וואו מֶען זוּכְט אַ גַנָב, אָבֶּער דֶער בָּחוּר איז נִישְׁט צוּם בַּאקוּמֶען! דֶער טַאטֶע ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זיך פוּן גְרוֹיס צַעַר.

אַזוֹי זוּכְנְדִיג זַיין זוּן אוּמֶעטוּם אין אַלֶע ווינְקְלֶען בַּאגֶעגְנְט עֶר אוֹיפְן וֶועג ר' הִירְשׁ לֵייב לִיפֶּל ז"ל. דֶער עוֹשֶׁר כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט רֶבּ' הִירְשׁ לֵייבּ און גִיסְט זיך אוֹיס פַאר אים זַיין פַּארְוֵוייטָאגְטֶע הַארְץ. ר' הִירְשׁ לֵייבּ הֶערְט אים אוֹיס און הָאט מִיט אים גְרוֹיס מִיטְלֵייד, און רוּפְט זיך אָן: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִיק, אַזוֹי שְׁטֵייט אין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קפ"ח!" הֶער אוֹיס מַיין עֵצָה קוּם מִיט מִיר קַיין אוּמַאן, מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים רֶבִּ'נְס צִיוּן אוֹיף דֶעם וֵוייטָאגְלִיכְן פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער עוֹשֶׁר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ דֶעם עֵצָה און זיך אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט ר' הִירְשׁ לֵייבּ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל. שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ'נְס קֶבֶר הָאט דֶער טַאטֶע פוּן גְרוֹיס צַעַר זֵייעֶר גֶעוֵוויינְט און גֶעכְלִיפֶּעט, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין אַנְטְלָאפֶּענֶער זוּן, וֶועט עֶר זיך אוּמְקֶערְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בָּחוּר צוּ וַוייל בַּיים קִבּוּץ מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט.

נָאכְן זיך אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ איז אים גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, עֶר שְׁטֶעלְט זַיינֶע טְרִיט צוּרִיק קַיין קִיֶעוו. ווִי נָאר עֶר איז אָנְגֶעקוּמֶען אין שְׁטָאט קִיֶעוו אִינֶעם גֶעגְנְט וואו זַיין זוּן הָאט זיך אוֹיפְגֶעהַאלְטְן איז דֶער זוּן אים אַנְטְקֶעגְן גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט און אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְן טַאטְן מִיט בְּכִיוֹת מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "טַאטֶע, טַאטֶע, וואו בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?! אִיךְ הָאבּ זיך אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִירוּ!".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעהַאלְטְן וָוארְט, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה איז עֶר טַאקֶע גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיטְן בָּחוּר'ל אין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן. זִינְט דַאן זֶענֶען דִי צְווֵיי

«

# עצות פאר תשובה

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ק | ו | ר | ה | ת | ב | ו | ד | ד | ו | ת | ז | ד | ב | ע |
| ה | ח | מ | ש | מ | ל | ט | ה | ר | ג | פ | ה | ח | נ | ב |
| י | מ | ד | כ | ל | ק | ב | ל | ב | ז | י | ו | נ | ו | ת |
| ר | א | ש | ח | ו | ד | ש | מ | ש | פ | ט | ז | ט | כ | ו |
| ו | ב | ר | ר | נ | צ | י | ק | ו | ל | א | ד | ו | ב | כ |
| ע | ו | ח | כ | ת | ו | ק | ז | ח | ת | ה | ר | ס | ת | ה |
| ת | ש | ר | ז | ע | ז | י | ב | ת | ה | ח | ט | א | ס | כ |
| ה | ה | ג | ש | כ | י | ס | ו | פ | י | ן | ח | צ | ז | נ |
| י | ש | ר | ק | ו | ק | ד | ו | ש | ה | ת | ג | א | ו | ע |
| ל | ם | י | ר | ב | ד | י | ו | ד | י | ו | פ | ר | ש | ה |
| י | נ | ר | א | ת | ו | ר | י | מ | א | מ | ה | ל | פ | נ |
| ם | י | ק | י | ד | צ | ל | ת | ו | ב | ר | ק | ת | ה | נ |
| י | ד | ש | ת | צ | ד | ק | ה | ט | ו | ת | ר | ח | ת | ז |
| ט | י | ו | ה | ס | א | ה | ר | ת | ר | פ | ו | ש | ב | פ |
| ה | ט | ר | ח | צ | ר | ב | ה | ה | ה | מ | ת | ן | ש | מ |

**זוך אויף די ווערטער**

התקרבות לצדיקים | לקבל בזיונות | וידוי דברים | כבוד אלוקי

עזיבת החטא | התבודדות | ראש חודש | כיסופין

התחזקות | אמירות | תהילים | קדושה | הכנעה

שמחה | המתן | תפלה | תורה | שופר

צדקה | משפט | חרטה | בושה | שבת

דֶער טַאטֶע מִיטְן בָּחוּר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ן דֶּרֶךְ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט דִי פַּארְלוֹירֶענֶע אֲבֵידָה צוּם רִיכְטִיגְן אָרְט. וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז יֶעדֶער דִּבּוּר פוּן רֶבִּ׳ן אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט הִינְטֶער דֶעם אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט יָאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַן אָפֶּענֶער נֵס אוּן אַ מוֹפֵת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ן.

וֶוען עֶס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען דִי הוּנְגֶער יָארְן אִין אוּמַאן פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר שִׁיקְן מִיט זַיין בְּרֵייטֶע הַאנְט, עֶסְן אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, וַוייל אִין לֶענִינְגְרַאד הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְשְׁט אַזַא הוּנְגֶער וִוי אִין אוּקְרֵיינֶע.

המשך פון די לעצטע זייט

# אלע טעותים זענען לטובה!

הָאט אֶפְרַיִם זִיךְ פַּארְהֶערְט דֶעם זֶעלְבְּן פֶּרֶק.

"אֶפְרַיִם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּפְרִידְן דִיר צוּ זֶען! זָאג מִיר, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט מִיר פֶּרֶק 'אוֹר לְאַרְבָּעָה עָשָׂר'?"

"זִיכֶער! וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה? אִיךְ וֶועל מִיט גְרוֹיס הֲנָאָה אִיבֶּערְחַזְר'ן דִי גֶעשְׁמַאקֶע סוּגְיוֹת! מָארְגְן נַיין אַזֵייגֶער טְרֶעפְן מִיר זִיךְ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ 'חֶשְׁקַת'."

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גֶעזֶעסְן פְלַייסִיג, אִיבֶּערְגֶע'חַזְר'ט אוּן אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בְּקִיצוּר. לֵייבְּל הָאט דַאן פַּארְשְׁטַאנֶען פִיל מֶער וִוי בְּלוֹיז דִי סוּגְיָא. עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז ס'אִיז נִישְׁטָא קֵיין טְעוּתִים אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּנְטֶער יֶעדְן טָעוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט, לִיגְט אַ גֶעטְלִיכֶע הַאנְט וָואס פִירְט אִים פּוּנְקְטְלִיךְ צוּם רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי גֶעלְט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אוֹיפְן וֶועג, אָבֶּער וֶועמֶען הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט צוּלִיב דֶעם טָעוּת? דֶעם מַאן מִיטְן טַייעֶרְן הִיטְל אוּן שְׁטֶעקְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער מְמוּנֶה אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע אוֹצָרוֹת, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט זֵיי אוּמְגֶעהוֹיעֶר גֶעהָאלְפְן.




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

הָאט דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה גֶעשִׁיקְט אַ 'בְּרִיוו' צוּם 'גִבּוֹר', אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעפוּנֶען 'אַזוֹינֶע מֶענְטְשְׁן' וִוי עֶר ווִיל! – אוּן [אַז עֶר] אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי"!

אוּן 'דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' הַנַ"ל (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה פוּן גֶעלְט', וָואס בַּיי זֵיי אִיז דָאס 'גֶעלְט' דֶער עִיקָר גֶעוֶוען וְכוּ', כַּנַ"ל זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן אִין זֵייעֶרֶע 'עֲבוֹדוֹת' (דְהַיְינוּ: וָואס זֵיי פְלֶעגְן טוּהְן 'ווִילְדֶע [מָאדְנֶע] זַאכְן', אוּן הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען 'קָרְבָּנוֹת' צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: צוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט 'פִיל גֶעלְט', כַּנַ"ל)!

אוּן דִי 'צַייט' וָואס דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'גִבּוֹר' הָאט זֵיי 'נָאךְ' גֶעגֶעבְּן [צוּגֶעגֶעבְּן; פַּארְלֶענְגֶערְט] – הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאלְד אוֹיסְצוּגֵיין [עֶנְדִיגְן] דִי 'צַייט'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטָאן זֵייעֶרֶע 'עֲבוֹדוֹת'! אוּן [זֵיי] הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען 'קָרְבָּנוֹת' אוּן 'קְטוֹרֶת'! אוּן [זֵיי] הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע 'תְּפִילוֹת', וָואס זֵיי פְלֶעגְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן'!

זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ 'חַיֶה'לֶע', דְהַיְינוּ: אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט 'ווֵיינִיג גֶעלְט'! – אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ 'קָרְבָּן', צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן'!

אוּן ס'אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן דִי 'דֵיעָה': "אַז זֵיי

מוּזְן טוּהן די 'עֶרְשְׁטֶע עֵצָה' וָואס מ'הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן צוּ 'דֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע 'גָאטְן', וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָארְט 'זֵייעֶר־ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת' – (וָואס נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'דֵיעָה' [מֵיינוּנְג] נָאךְ, זֶענֶען זֵיי אַלֶע 'גָאטְן' וְכוּ', כַּנַ"ל)"! – אוּן דִי '[דָאזִיגֶע] מְדִינָה', וֶועט [וֶועלְן] זֵיי בְּוַדַּאי הֶעלְפְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע 'גָאטְן', כַּנַ"ל.

הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן! אוּן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט 'שְׁלוּחִים', אַהִין צוּ דֶער 'מְדִינָה' הַנַ"ל. דֶערְוַוייל! אִין [אִיז אִינְמִיטְן] 'וֶועג', ווִי דִי 'שְׁלוּחִים' זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען – זֶענֶען זֵיי פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן! הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ 'שְׁטֶעקְן'! –

וָואס זַיין 'שְׁטֶעקְן', הָאט אָנְגֶעטְרָאפְּן, מֶער פוּן 'אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטְן! דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער 'שְׁטֶעקְן' זַיינֶער, אִיז גֶעוֶוען גֶעזֶעצְט, מִיט 'זֵייעֶר־טֵייעֶרֶע דוּמִיטְן' [דִימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער]! – וָואס דֶער 'שְׁטֶעקְן', אִיז וֶוערְט גֶעוֶוען מֶער, אֵיידֶער [ווִי] דָאס [גַאנְצֶע] 'עֲשִׁירוּת' פוּן 'זֵייעֶרֶע אַלֶע גָאטְן' [צוּזַאמֶען]! – מְ'זָאל צוּם־אוֹיפְנֶעמֶען גָאר דָאס [גַאנְצֶע] 'עֲשִׁירוּת' פוּן 'זֵייעֶרֶע גָאטְן', אוּן אֲפִילוּ פוּן דִי 'גָאטְן' פוּן 'יֶענֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי – אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] 'שְׁטֶעקְן', מֶער וֶוערְט גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע 'אַלֶע עֲשִׁירוּת'!

ווִידֶער [אוֹיךְ] אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אִין [מִיט] אַ 'קַאפֶּעלִישׁ', וָואס סְ'אִיז אִין אִים גֶעוֶוען 'דוּמִיטְן' [דִימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער]! – וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] 'קַאפֶּעלִישׁ', אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גֶעוֶוען 'ווִילְד־פִּיל'!

ווִי [נָאר] דִי 'שְׁלוּחִים' הָאבְּן דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשׁ דֶערְזֶעהְן – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן פַאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה (דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן זִיךְ [גֶעקְנִיט אוּן] גֶעבִּיקְט פַאר אִים זֵייעֶר פִּיל)! – וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישֶׁע דֵיעָה' [מֵיינוּנְג] נָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ [גֶעוֶוען] אַ 'גָאט אִיבֶּער אַלֶע [זֵייעֶרֶע] גָאטְן'! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ, אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת'!

(אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט – דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת' [אוֹיפְזֶעהֶער פוּן דִי אוֹצְרוֹת] פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל)!

הָאט דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי: "אָט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ?! – קוּמְט מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ אַייךְ ווַייזְן 'עֲשִׁירוּת'"! הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אוֹיף דֶעם 'בַּארְג', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעסַדֶר'ט [מְסוּדָר, אוֹיסְגֶעלֵייגְט] דֶער 'אוֹצָר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! הָאט עֶר זֵיי גֶעווִיזְן דֶעם 'אוֹצָר'!

ווִי [נָאר] זֵיי הָאבְּן דֶערְזֶעהְן דֶעם 'אוֹצָר' – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה [זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְנִיט אוּן גֶעבִּיקְט פַאר אִים]! – וָוארְן 'דֶער [דָאזִיגֶער]' אִיז זִיךְ אַ 'גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטְן' (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע [פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה' – וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער 'עִיקָר אֱמוּנָה' גֶעוֶוען, דָאס 'גֶעלְט' [אוּן דָאס 'עֲשִׁירוּת'], כַּנַ"ל)!

נָאר קֵיין 'קָרְבָּנוֹת', הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען [דָארְט]! וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'דֵיעָה' נָאךְ, אַז 'דֶער' אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט' ['אִיבֶּער אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטְן'] וְכוּ' – וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַדַּאי מַקְרִיב גֶעוֶוען!

נָאר מְ'הָאט דִי 'שְׁלוּחִים' [גֶעהַאט] אָנְגֶעזָאגְט:

״אַז אִין [אוֹיפְן] ׳וֶועג׳, זָאלְן זֵיי קַיין ׳קָרְבָּנוֹת׳ נִישְׁט מַקְרִיב זַיין״! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט: אַז [אוֹיבּ] זֵיי וֶועלְן אִין [אוֹיפְן] ׳וֶועג׳, ׳קָרְבָּנוֹת׳ מַקְרִיב זַיין – וֶועט פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן!

וָוארְן טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ ׳אוֹצָר׳ אִין [אוֹיפְן] ׳וֶועג׳! – [אָדֶער] טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין ׳בֵּית־הַכִּסֵא׳ אַרַיין, אוּן וֶועט דָארְט גֶעפוּנֶען אַ ׳אוֹצָר׳! – וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלְן מַקְרִיב זַיין צוּ אִים! – [בְּמֵילָא] וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] ׳מְדִינָה׳, אָנְגֶעזָאגְט [פַאר] דִי ׳שְׁלוּחִים׳: ״אַז אִין [אוֹיפְן] ׳וֶועג׳, זָאלְן זֵיי קַיין ׳קָרְבָּנוֹת׳ נִישְׁט מַקְרִיב זַיין״!

הָאבְּן זִיךְ דִי [דָאזִיגֶע] ׳שְׁלוּחִים׳ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] זָאלְן זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע ׳גָאטְן׳? דְהַיְינוּ: צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳ וָואס מְ׳הָאט זֵיי אַהִינְגֶעשִׁיקְט, וָואס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע ׳[ווִילְד] גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים׳ – וָואס בַּיי זֵיי, זֶענֶען זֵיי [אַלֶע] ׳גָאטְן׳״!

אַמֶער [עֶס אִיז דָאךְ אַסַאךְ] בֶּעסֶער [פַאר זֵיי – בַּיי] דֶער ׳[דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ׳ – [עֶר] וֶועט זִיךְ זֵיי [זִיכֶער] בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפְן!

וָוארְן, עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַ ׳[גְרוֹיסֶער] גָאט׳ אִיבֶּער זֵיי אַלֶע (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר מְשׁוּגַע׳נֶע דֵיעָה נָאךְ)! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת׳, מֶער פוּן זֵיי אַלֶע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים)!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] ׳דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשְׁן׳: ״אַז עֶר זָאל מִיט זֵיי גֵיין, אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה׳ אַרַיין״!

אִיז עֶר צוּ זֵיי מְרוּצֶה [בַּאוִוילִיגְט] גֶעוָוארְן! אוּן [עֶר] אִיז מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען! אוּן [עֶר] אִיז גֶעקוּמֶען אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה׳ אַרַיין!

אִיז בַּיי ׳דֶער מְדִינָה׳ גֶעוֶוען, אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳: ״[אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְן אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גָאט׳״! וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְזִיכֶערְט: ״אַז דוּרְךְ אִים, וֶועלְן זֵיי בְּוַודַאי הָאבְּן אַ ׳הִילְף׳״! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גָאט׳ [לוֹיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג]! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גְרוֹיס עֲשִׁירוּת׳! הָאט ׳דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ׳ גֶעהֵייסְן:

(וָואס עֶר אִיז עֶס גֶעוֶוען דֶער ׳מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, כַּנַ״ל. ״אַז אֵיידֶער [פַאר] סְ׳וֶועט זַיין אַ רֶעכְט [רִיכְטִיגְן סֵדֶר] אִין דֶער ׳מְדִינָה׳ – זָאל מֶען דֶערְוַוייל קַיין ׳קָרְבָּנוֹת׳ [בִּכְלַל] נִישְׁט מַקְרִיב זַיין״!

(וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְמוּנֶה׳, אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶער צַדִיק׳! – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי ׳לַייט׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע ׳גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֵייעֶר׳! – הָאט דֶער ׳מְמוּנֶה׳, בְּוַודַאי זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, דִי ׳[אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע] נַארִישֶׁע מִנְהָגִים׳ פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳! – נָאר עֶר הָאט זֵיי [דֶערְוַוייל] נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶר ׳שְׁלֶעכְטְן וֶועג׳! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: ״אַז מְ׳זָאל כָאטְשֶׁע קַיין ׳קָרְבָּנוֹת׳ נִישְׁט מַקְרִיב זַיין״)!

הָאט ׳דִי מְדִינָה׳ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: ״מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם ׳גִבּוֹר׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זֵיי הָאבְּן פַאר [פוּן] אִים זֵייעֶר מוֹרָא, כַּנַ״ל. אוּן דֶער ׳מְמוּנֶה׳ הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אוֹיבּ סֶע [סְ׳אִיז] נִישְׁט דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גִבּוֹר׳״?! (וָואס עֶר וֵוייסְט״)?!

שם: ________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה

**א. צו וועמען האבן זיי געשיקט שלוחים?**
- ❑ צום גבור אז ער זאל זיי גיבן נאך צייט
- ❑ צו די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ צו דעם בעל תפלה אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור

**ב. ווער האבן די שליחים געטראפן אינמיטן וועג?**
- ❑ מענטשן פון די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ דעם גבור מיט דעם בעל תפלה
- ❑ א מענטש וואס זיין שטעקן איז ווערד מער פון זייער גאנצע עשירות

**ג. וואס האט דער מענטש געוויזן פאר די שלוחים?**
- ❑ די וועג צו די מדינה וואו זיי ווילן אנקומען
- ❑ די בארג וואס אויף דעם איז מסודר די אוצרות פון מלך
- ❑ די וועג צום שווערד פונעם גבור

**ד. וואס האבן זיי געבעטן פון דעם מענטש?**
- ❑ אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור אז ער זאל נאךווארטן
- ❑ אז ער זאל זיי ווייזן די וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל גיין מיט זיי צו זייער מדינה

**ה. פארוואס האבן זיך די מדינה של עשירות זייער געפריידט?**
- ❑ ווייל דער גבור האט פארלענגערט די צייט
- ❑ ווייל זיי האבן געטראפן אזא גאט (לויט זייער דעה)
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מענטש געהייסן אויף דערווייל?**
- ❑ מ'זאל אוועק ווארפן די געלד
- ❑ מ'זאל זיך מכניע זיין צום גבור
- ❑ מ'זאל נישט מקריב זיין קרבנות

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**אין וועג וואס די שלוחים פון די מדינה של עשירות זענען געגאנגען און האבן געטראפן דער ממונה אויף די אוצרות – זענען זיי געגאנגען אויף די וועג וואס זיי האבן געוואלט גיין ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (12)

מיר האבן געלערנט די לעצטע צוויי וואכן אז דער בעל תפילה איז אריבער געגאנגען אויף אלע פלעצער פון די אנשי המלך

וויפל פלעצער פארציילט דער בעל תפילה אז ער איז אריבער דארט – און אויף וועמען פון די אנשי המלך איז דער בעל תפילה נישט מפרט אז ער איז אריבער דארט ? אויף אכט פלעצער – אויף זיך מיטן אוהב נאמן איז ער נישט מפרט

ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער האט נישט גיקענט זוכן און געפונען? ביים מלך, מלכה, בת מלכה, תינוק

ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער נישט גיקענט געפונען? ביים מליץ, חכם, וממונה על האוצרות, גבור

וואו ווערט דערמאנט דא אין די מעשה "תורה" ? האט דער בעל תפלה מיט זיי געלערנט

"און הָאבּ מִיךְ מְחַיֶה גִיוֶוען... מִיט גְרָאז" – וואו נאך אין ספורי מעשיות ווערט דערמאנט א מענטש וואס האט געגעסן גראז ? ביי מעשה ג' – דער חיגר "און עֶר פְּלֶעגְט עֶסְן... גְרָאז"

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# אלע טעותים זענען לטובה!

דִי מֶענְטְשְׁן אִין דֶער מְדִינָה שֶׁל עֲשִׂירוּת זֶענֶען גֶעוֶוען טִיף אַרַיינְגֶעטוּן אִין זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים אוּן עֲבוֹדוֹת, זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גְרוֹיסְן פַּחַד וֶוען דִי צַייט וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְנֶענְטֶערְן. זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז מְ'דַארְף: מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת, מַקְטִיר גֶעוֶוען קְטוֹרֶת אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם גִיבּוֹר, וָואס הָאט נָאר גֶעזוּכְט מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן צוּ אִים אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט גֶעלְט.

זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ גֵיין מִיט זֵייעֶר עֶרְשְׁטְן פְּלַאן – צוּ שִׁיקְן שְׁלוּחִים צוּ דִי מְדִינָה שֶׁל עֲשִׂירוּת, ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז יֶעדֶער דָארְט אִיז גֶעטְלִיךְ אוּן זֵיי וֶועלְן זֵיי זִיכֶער רַאטֶעוֶוען. זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי שְׁלוּחִים, אָבֶער וָואס אִיז גֶעשֶׁען אוֹיפְן וֶועג? זֵיי הָאבְּן זִיךְ פְּשׁוּט פַּארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט!

אִינְמִיטְן וֶועג הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט אַ מַאן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטֶעקְן אוּן אַ הִיטְל. דֶער שְׁטֶעקְן אוּן דָאס הִיטְל זֶענֶען גֶעוֶוען פִּיל מֶער וֶוערְד ווי אַלֶע זֵייעֶרֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת אִינְאֵיינֶעם, ווייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאצִירְט מִיט טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זֵייעֶר וֶוערְד אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער פוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע עֲשִׂירוּת. אוֹיפְן פְּלַאץ זֶענֶען זֵיי גֶעפַאלְן אוֹיף דִי קְנִי אוּן זִיךְ גֶעבּוּקְט פַאר אִים.

דֶער בִּיטֶערֶער טָעוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אוֹיפְן וֶועג, דָאס וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גְרָאדְן וֶועג, הָאט זֵיי לְמַעֲשֶׂה גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר יְשׁוּעָה. נָאר אַ דַאנְק דֶעם טָעוּת הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט דֶעם מַאן מִיטְן שְׁטֶעקְן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג. עֶר הָאט זֵיי דֶערְנָאךְ אַיינְגֶעלַאדְנְט צוּ זֶען דִי רִיזִיגֶע עֲשִׂירוּת פוּן דִי קֶענִיגְלִיכֶע אוֹצְרוֹת.

לֵייבְּל הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט פַאר זַיינֶע בְּחִינוֹת פַאר יְשִׁיבָה קְטַנָּה. עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם פֶּרֶק "אוֹר לְאַרְבָּעָה עָשָׂר" אִין מַסֶּכֶת פְּסָחִים, אוּן אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פּוּנְקְטְלִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹסְפוֹת אוּן דֶעם מַהַרְשָׁ"א. שָׁעוֹת לַאנְג אִיז



עֶר גֶעזֶעסְן פַארְטִיפְט אִין דֶער סוּגְיָא, אָבֶער עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ גֶעזוּכְט אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא, אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס זָאל קֶענֶען קְלָאר מַאכְן אוּן מְסַכֵּם זַיין אַלֶע עִנְיָנִים בְּקִיצוּר.

אֵיין טָאג הָאט מֶען אִים גֶעשִׁיקְט צוּם נַייעֶם פִּישׁ-גֶעשֶׁעפְט קוֹיפְן פְרִישֶׁע פִּישׁ פַאר אַ סִיּוּם וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעמַאכְט אִין שְׁטוּבּ. עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַ גֶעלֶע צֶעטְל אִין דִי הַאנְט, וואו עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וֶועלְכֶע סָארְט פִּישׁ מֶען דַארְף אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ דִי צָאל. עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט דֶער שְׁנֶעלְסְטֶער וֶועג ווִיאַזוֹי צוּ גֵיין, דֶער נָאמֶען פוּן דִי גַאס אוּן דֶעם נוּמֶער פוּן דִי גֶעבַּיידֶע.

לֵייבְּל אִיז שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעדְרֵייט אִין אַן אוּמְרִיכְטִיגֶע גַאס. יֶעצְט וֶועט עֶר דַארְפְן גֵיין אַ הִיבְּשׁ אִיבְּרִיגֶע שְׁטִיק וֶועג בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם פִּישׁ גֶעשֶׁעפְט. לֵייבְּל הָאט זִיךְ גֶעבִּיסְן דִי לִיפְּן פַאר צַעַר אוּן אַנְטוֹישׁוּנְג. "פַארְוָואס קוּק אִיךְ נִישְׁט וואו אִיךְ גֵיי? פַארְוָואס עֶפְן אִיךְ נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען דֶעם וֶועג? פַארְוָואס פּוּנְקְט אִיךְ?!"

לֵייבְּל הָאט זִיךְ אַלֵיין בַּאשׁוּלְדִיגְט אוּן אִיז אֲפִילוּ גֶעוָוארְן בֵּייז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. "אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל אַזַא אוּמְפַארַאנְטְוָוארְטְלִיכֶער! אַלֶעמָאל מַאךְ אִיךְ טְעוּתִים. זִיכֶער וַוארְט מֶען שׁוֹין אוֹיף מִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּמְגֶעדוּלְדִיג..."

אוּן אָט, וֶועמֶען טְרֶעפְט עֶר בַּיים ווִינְקְל? אֶפְרַיִם, זַיין שְׁוֶועסְטֶערְ-קִינְד פוּן שִׁיעוּר א'. פַאר אַ יָאר

המשך אויף זייט 8